# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:30
מוצאי שב"ק......................9:02

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..נחמיה י"ג-דברי הימים-א' א'
בבלי..........................סוטה ל"א
ירושלמי...............כלאים כ"ח
תוספתא..............קרבנות י"א
רמב"ם...מצוות לא תעשה א'-קכ"ב


פרשת אחרי קדושים, ח' אייר, אבות פרק ג', שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 31 (601)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ, לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ אֲנִי ה'. וָואס אִיז דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן אִין אֵיין פָּסוּק? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ט) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוּן עֶר וִויל אַז מְ'זָאל אִים אוֹיסְהֶערְן, זַיינֶע רֵייד זָאלְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, דַארְף עֶר זֶען סְ'זָאל זַיין גוּטְס אִין דִי וֶוערְטֶער, עֶר זָאל רֶעדְן גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן אָנְנֶעמֶען זַיינֶע רֵייד.

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט אִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן וִוי מְ'רַייסְט אִים אַרָאפּ אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט אוּן עֶר קֶען נִישְׁט, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאר לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג, אַז סְ'אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, הָאט עֶר נָאךְ יֶעצְט אַ שַׁאנְס צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, אַז עֶר קֶען נָאךְ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן נִישְׁט הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס זָאל צוּגִיסְן נָאךְ זַאלְץ צוּ זַיינֶע וואוּנְדְן, אִים זָאגְן מוּסָר אוּן אִים נָאךְ מֶער צֶעבְּרֶעכְן. דָאס רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי אוּן דָאס וֶועט זֵיי נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז מְחַזֵּק צוּ זַיין יֶענֶעם, "קֶענְסְט נָאךְ יָא מַצְלִיחַ זַיין, הָאסְט אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אִין דִיר", דָאס הָאט אַ מֶענְטְשׁ לִיבּ צוּ הֶערְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צ"א) וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעזֶען אֵיין טָאג אַז אַלֶע זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, אוּן עֶר זֶעט אוֹיפְ'ן גַאס פִילֶע רֶעדְלֶעךְ פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁמוּעֶסְן אוּן מַאכְן חוֹזֵק פוּן אִים, עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ אַן אַנְדֶערֶע לַאנְד אוּן אוֹיךְ דָארְט הָאט מֶען גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן אִין אַ וַואלְד מִיט בְּלוֹיז פִינְף מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם פוּן זֵיי צוּ קוֹיפְן עֶסְן, אוּן צוּ זֶען אוֹיבּ דִי רַעַשׁ קֶעגְן רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעשְׁטִילְט, אָבֶער עֶס אִיז נָאכְאַלְץ גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ. דֶערְוַוייל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט אוּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פָּארְהַאלְטְן, "הֲיִתָּכֵן אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי? אִיר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע זֵיידֶעס אוּן פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים?!", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט יֶענֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְגֶעהַאלְטְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אַז אִיךְ לַייד דָא אַזוֹיפִיל אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועל אִיךְ כָּאטְשׁ הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא", הָאט דִי נְשָׁמָה אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "נִישְׁט נָאר עוֹלָם הַבָּא וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן, נָאר אֲפִילוּ דֶער גֵיהִנוֹם וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג פַאר דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן!", [זֶע אִינֶעוֵוייניג דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן], בִּיז צוּם סוֹף הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "גֵיי פוּן דָא! אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען מִיר טְרֵייסְטְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אָבֶער אַז אִיר קוּמְט מִיר צֶעבְּרֶעכְן, גֵייט אַייךְ פוּן דַאנֶעט!".

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי וֶוערְטֶער זָאלְן זַיין נָאר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען? זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם) אַז דָאס אִיז וֶוען מְ'לֵייגְט אַרַיין דֶערִין "דַעַת", מְ'רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאר אוֹיס, אוּן אוֹיךְ רֶעדְט מֶען פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, וָואס הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד, זֵיי וַוייזְן פַאר יֶעדְן אַז סְ'אִיז נָאךְ דָא אַ הָאפֶענוּנְג צוּ סוּקְסֶעס, אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד טוּט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין רְכִילוּת, דָאס אִיז דָאךְ דִי פַארְקֶערְטֶע פוּן רֶעדְן גוּטְס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן, עֶר זוּכְט נָאר צוּ טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען שְׁלֶעכְטְס פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן. נָאר פַארְקֶערְט, זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן אַלְץ צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע אוּן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ, אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיִּקְרָא ד:) וֶוערְט דֶער מֹחַ אָנְגֶערוּפְן "תְּרֵין רֵעִין דְּלָא מִתְפָּרְשִׁין", דוּ וֶועסְט מַאכְן אַז דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט צֶעדְרוּקְט וֶוערְן פוּן צוּפִיל בְּלוּט, וָואס דָאס פַּאסִירְט וֶוען מְ'זוּכְט נָאר שְׁלֶעכְטְס.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ קוּקְן נָאר גוּט אוֹיף יֶעדְן אִיד, רֶעדְן נָאר שֵׁיין אוּן גוּט צוּ יֶעדְן אִיד, מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר זֵיי שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אוּן יֶעדֶער וֶועט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשס"ד)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ בַּאנִיצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל אִיז זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָּה, מְמֵילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנִיצְן מִיט דֶעם, וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זַצַ"ל, חֵלֶק ג' שַׁעַר ו'). לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ יָא בַּאנִיצְט מִיט דֶעם, וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי, הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ 'מַשְׁכַּנְתָּא', מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד אוּן אִים שְׁלָאגְן וְכוּ', דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְרָא רָמָא לְבֵירָא עֲמִיקְתָּא, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ, דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ
<<<<<<

# א גוט ווארט

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זוּךְ אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר, זוּךְ אִין דִי שְׁוֶועריקֵייטְן דָאס בַּאהַאלְטֶענֶע גוּטְס - וֶועלְן אַוֶועקְפַאלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, דִי וֶועג פוּן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אִין דִי צָרָה טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֵייט מַאכְן, עֶס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה); גְלֵייבּ מִיר מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען אָפְּלֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן אַלֶע צָרוֹת וְיִסּוּרִים.

בַּיים צֵיילְן סְפִירָה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, דִי כַּוָּונוֹת פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אִיז: 'יוֹדוּךָ' אוּן 'קְרַ"ע שָׂטָ"ן'; אֶפְשָׁר לוֹמַר, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צֶערַייסְט מֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, דֶער שָׂטָן וֶוערְט צֶערִיסְן.

(עצתו אמונה תזריע מצורע תשפ"ג)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אַז עֶר קֶען נָאךְ פַאֲרֶעכְטְן

**אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעשְׁרִיבְּן אַ לֶענְגֶערֶע בְּרִיוו אִין וָואס עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעשְׁרִיבְּן בַּאֲרִיכוּת דִי נְסִיעָה צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אִין פּוֹילְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ, פָאלְגְנְד אִין אַ קוּרְצֶע אוֹיסְצוּג פוּן דֶעם בְּרִיוו:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

...פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין שִׁינָאוָוא. אוֹיפְן וֶועג אִיז גֶעוֶוען שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן.

עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעשְׁטֶעלְט פְרַאגֶעס. אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט: "וָואס מֵיינְט זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם צַדִּיק?" זֶענֶען מִיר אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן - דַארְפְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, עֶר בַּיי זִיךְ שְׁפִּירְט וִוי עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין וֶועג פַאר אִים צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף עֶר הָאבְּן בִּיטוּל צוּם צַדִּיק אוּן וִויסְן "אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט 'נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ' - אִיז דָאס מַמָּשׁ אַזוֹי", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט.

דֶער שְׁמוּעֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּב, וַוייל אִינְמִיטְן וֶועג הָאט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעזָאגְט מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן אַז עֶס אִיז אִים אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין, עֶס אִיז אִים אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אַז עֶר קֶען נָאךְ פַארְרֶעכְטְן, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף פַאלְן. עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז בַּיי אִים נָאךְ מֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּהֶערְן פּוֹגֵם זַיין.

מִיר הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, אַז וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דָא בָּזֶה הָעוֹלָם קַיין שׁוּם לִיכְטִיגְקֵייט - דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז עֶס וֶועט זַיין (וַיִּקְרָא כב, ז): "וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר, וְאַחַר יֹאכַל מִן הַקֳּדָשִׁים", נָאכְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט עֶר זֶען וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה', אוֹת מב).

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַזַא רַחֲמָנוּת'דִיגֶער רֶבִּי וָואס מִיר הָאבְּן; עֶר וַוייזְט פַאר אוּנְז אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת וָואס מִיר פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען טוּן, גְרִינְגֶע עֵצוֹת; מִיר דַארְפְן נָאר פָאלְגְן, מִיר דַארְפְן גֵיין אִין דִי וֶועג; אוֹיבּ מִיר וֶועלְן פָאלְגְן - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ) דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; דֶער עִיקָר וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אִיז דִי חִיזּוּק פוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי אוּן נִישְׁט קוּקְן וָואס אִיז גֶעוֶוען.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ פְרַאגֶע, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת בְּשׂוֹרָה, סִימָן ב): "אַל תְּבַשֵּׂר בְּשׂוֹרָה רָעָה, כִּי מֵחֲמַת בְּשׂוֹרָה רָעָה מֵתוּ כַּמָּה נְפָשׁוֹת", מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע נַייעֶס, וַוייל דוּרְךְ שְׁלֶעכְטֶע נַייעֶס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן גֶעשְׁטָארְבְּן; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ד): "הַמְבַשֵּׂר בְּשׂוֹרוֹת רָעוֹת, נוֹפֵל לְמֹחִין דְּקַטְנוּת", מֶען פַאלְט אִין מוֹחִין דְקַטְנוּת דוּרְךְ דֶערְצֵיילְן שְׁלֶעכְטֶע נַייעֶס; דֶערִיבֶּער פַארְצֵיילְט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיין וַוייבּ הֶערְט דִי נַייעֶס וֶוערְט זִי בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט דֶערְצֵיילְט. אוֹיף דֶעם אִיז דִי עֵצָה צוּ דֶערְצֵיילְן אוֹיף אַ וֶועג אַז יֶענֶער זָאל דָאס אַלֵיינְס כַאפְּן, מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס הַאלְבְּוֶועגְס, בִּיז

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, דָאס קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מַאן מִנְכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מַאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְּנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן - אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקֶלְקֵייט - מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקֶלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק.

## מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפִירָה טֶעג. אִין דִי טֶעג טְרוֹיעֶרְן מִיר אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַז מִיר זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן טַאקֶע אִין דֶעם הִינְזִיכְט, אַז מִיר זָאלְן יָא מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי סִיבָּה וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח:) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךְ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז מֶען מְקַנֵּא דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן דַאן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין קֵיינֶעם, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען טוּט דָאס וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִינִים חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט גֶעהֶערִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּן דָאס אִיז דָאס" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט יֶענֶעם מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַן הַארְבְּן עוֹנֶשׁ!" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וַוייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּן עֶפֶּעס אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, הָאט עֶר

<<<<<<

גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ". וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען אִים "מִדַּעְתּוֹ", מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין הַאלְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים פַאר אַן עוֹנֶשׁ. אָבֶער עֶס אִיז אוֹיךְ "שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ", עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, עֶר מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גְערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן נָאר אוֹיב עֶר אִיז אַלֵיין מַסְכִּים דֶערוֹיף. דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן אַז וֶוען מֶען הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל מֶען יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּן. אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיּוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת". אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּלֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֵיידֶער עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוּן מֶען פְרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אָוֶועקְצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיב עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג דַן צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן לְכַף זְכוּת, אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט עֶר אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת קֶען מֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זֵיי דַן לְכַף זְכוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע" - אוֹיב וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל וָואס יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ" - וֶוען דוּ וֶועסְט אִים נָאכְדֶעם אָנְקוּקְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְן דֶעם אֵייגֶענֶעם לֶעבְן אָן קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן. נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶענֶעם אוּן דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיךְ נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין גוּטְס, אוּן עֶס וֶועט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָן אֶת חֲבֵירוֹ)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

**לא נתקבל**

# קַיין אֵיין מוֹסָד וִויל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען מַיין טָאכְטֶער

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַרַיינְשִׁיקְן מַיין טָאכְטֶער אִין שׁוּלֶע, אִיךְ הָאב שׁוֹין פְּרוּבִּירְט בַּיי עֶטְלִיכֶע מוֹסְדוֹת, אָבֶער קֵיינֶער וִויל מִיר נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיב אִיךְ זָאל בִּכְלַל פְּרוּבִּירְן מִיט פְּרָאטֶעקְצִיֶע אוּן אַנְדֶערֶע וֶועגְן צוּ קֶענֶען אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מוֹסָד?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי! טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת.

קֶענְסְט נוּצְן אוּנְזֶער פְּרָאטֶעקְצִיֶע; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל – דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּרָאטֶעקְצִיֶע, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען גֶעבְּן דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר זֵיי; וַוייל נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי וֶועג פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל דִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט פוּן הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים. אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים פְרֶעגְט אִים: "מִיט אַ בְּרָכָה ווִילְסְטוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער? עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר וַוייזְט פַאר דֶעם אִיד זַיין מַאמֶע'ס תְּהִילִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, אוּן זָאגְט אִים: "אַזוֹי הָאט מֶען גוּטֶע קִינְדֶער"; זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(שִׂיחוֹת אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ו)

BreslevCenter.com\answers



מֶען כַאפְּט אַלֵיינְס.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס מֶען מַאכְט אַוֶועק צוּ קוֹיפְן לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס, פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט אַוֶועקְלֵייגְן עֶפֶּעס אַ קֶרֶן פַאר דִי קִינְדֶער? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מִיר גֶעפִינֶען (עֵירוּבִין נד.) דֶער אַמוֹרָא רַב הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רַב הַמְנוּנָא: "בְּנִי, אִם יֶשׁ לָךְ", מַיין קִינְד אוֹיב הָאסְטוּ גֶעלְט, "הֵיטֵב לָךְ", נוּץ עֶס פַאר דִיר, "שֶׁאֵין בִּשְׁאוֹל תַּעֲנוּג", וַוייל אִין קֶבֶר הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הֲנָאָה פוּן גֶעלְט, "וְאֵין לַמָּוֶת הִתְמַהְמֵהַּ", אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אִיז אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ לֵייגְן גֶעלְט. "וְאִם תֹּאמַר, אַנִּיחַ לִבְנֵי חוֹק", אוֹיב וֶועסְטוּ טְרַאכְטְן אִיךְ וֶועל אַוֶועק לֵייגְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן עֶסְן, קוֹדֶם כֹּל: "בִּשְׁאוֹל מִי יַגִּיד לָךְ", וֶוער וֶועט דִיר מוֹדִיעַ זַיין אִין קֶבֶר אַז דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן טַאקֶע דִי גֶעלְט אוּן זֵיי נוּצְן דָאס? אוּן נָאךְ אַ זַאךְ, "בְּנֵי הָאָדָם דּוֹמִים לְעִשְׂבֵי הַשָּׂדֶה", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי וִוי גְרָאז אוּן בְּלוּמֶען, "הַלָּלוּ נוֹצְצִין", דִי שְׁפְּרָאצְן, "וְהַלָּלוּ נוֹבְלִין", אוּן דִי שְׁטַארְבְּן. זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל הַלָּלוּ נוֹצְצִין): "כְּשֶׁהֵן גְּדֵילִין", וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן, "גְּדֵילָה פַּרְנָסָתָן", וַואקְסְט זֵיי דִי פַּרְנָסָה, "וְעוֹשְׁרָן עִמָּהֶן", זֵיי וֶוערְן רַייךְ, "וְאֵינְךְ צָרִיךְ לְהִדָּאֵג עֲלֵיהֶן", אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר זֵיי.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּעֲנוּג, אַ גֶעשְׁמַאק – צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. אוּנְטֶערְוֶועגְנְס וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, הוּנְגֶערִיג אוּן מִיד – קֶען מֶען מֶער זֶען וֶוער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי פִירְט עֶר זִיךְ; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם הָאט מֶען גֶעהֶערְט שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיב נָאךְ אַפָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער – אוֹיב מֶען זָאל גֵיין צוּ דִי אָרְגַאנִיזַאצִיעֶס זֵיי זָאלְן הֶעלְפְן. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם פָּארְפָאלְק, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין זֵיי אַלֵיינְס; אוֹיב אִיז דֶער מַאן אוּן דִי וַוייבּ שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי הֶעלְפְן, זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה – דֶעמָאלְט הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ גֵיין צוּ זֵיי, אַ שָׁאד דִי צַייט, קָאפּ וֵויי, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין קִינְדֶער, קִינְדֶער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיב דִי וַוייבּ זָאגְט זִי וִויל גֵיין צוּם דָאקְטֶער אָדֶער צוּ דִי אָרְגַאנִיזַאצִיעֶס, זִי וִויל טוּן עֶפֶּעס – דֶעמָאלְט גֵייט מֶען.

אֵיינֶע פוּן דִי פְרַאגֶעס אִיז גֶעוֶוען אוֹיב מַאכְן גֶעלְט אִיז אַ סְתִירָה מִיט וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז מֶען דַארְף נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זִכָּרוֹן בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט

<<<<<<

<<<<<< א בריוו פון ראש ישיבה שליט"א

אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקא). נָאר וָואס דֶען, זִיךְ נִישְׁט פַּארְלָאזְן אוֹיף דִי גֶעלְט אוּן נִישְׁט רֶעדְן פוּן דִי גֶעלְט; פַארְלָאזְן דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן דַארְף מֶען נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיב בֶּעטְן אַ "רֶעוַח" פוּנֶעם בַּעַל הַבַּיִת אִיז אַ חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה, וַוייל פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, מֶען מֶעג בֶּעטְן אַ רֶעוַח אוּן מֶען מֶעג טוּן זַאכְן פַאר פַּרְנָסָה, דֶער עִיקָּר אִיז מֶען זָאל זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאר קוּקְן צוּ אִים.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיב עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ נֶעמֶען לְכַתְּחִילָּה פַאר פַּרְנָסָה 'גֵיין נָאךְ גֶעלְט'; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט. וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן זִיצְט אוּן לֶערְנְט אוּן הָאט נִישְׁט צוּ לֶעבְּן - מֶעג עֶר עַל פִּי הֲלָכָה גֵיין צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר זִיךְ, אָבֶּער אֵיינֶער זָאל גָארְנִישְׁט טוּן מִיטְן טָאג, שְׁלָאפְן בִּיזְן טָאג אַרֵיין אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן לֵיידִיג, אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג.

מֶען דַארְף בַּאמֶערְקְן אַז הֲפָצָה אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט - אִיז צְוֵויי זַאכְן. וֶוען עֶס קוּמְט צוּ הֲפָצָה אִיז דָאס נִישְׁט קַיין זַאךְ פוּן שְׁנָארְן, דָאס אִיז מְזַכֶּה זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיב דָאס אִיז אֱמֶת אַז מְפִיצִים זֶענֶען בְּחִינַת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בְּשׂוֹרָה, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא רָגִיל לוֹמַר בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת, הוּא נִתְלַבֵּשׁ מִבְּחִינַת אֵלִיָּהוּ", וֶוער עֶס דֶערְצֵיילְט גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת - וֶוערְט עֶר אַ בְּחִינָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא; קוּמְט אוֹיס, אַז דִי מְפִיצִים וָואס גֵייעֶן פַארְשְׁפְּרֵייטְן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת, זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן וָואס דָארְט שְׁטֵייט גוּטֶע נֵייעֶס, אַז מֶען קֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק - זֶענֶען זֵיי אַלֶע בִּבְחִינַת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר תְּרוּמָה (קכח עַמּוּד ב) "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גּוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרֵיין אִין דְרֵייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ג)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# נסיעה צו קברי צדיקים אין פוילן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

די פארגאנגענע וואך איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעפארן מיט א קבוצה פון אנשי שלומינו אויף א קורצע נסיעה צו קברי צדיקים אין פוילן.

דער ציבור בראש פונעם ראש ישיבה שליט"א זענען ארויסגעפארן זונטאג נאכט פון ניו יארק צום קורצן אבער אינהאלטספולן נסיעה, מיט'ן ראש ישיבה שליט"א זענען מיטגעפארן ארום זעכציג אידן וועלכע האבן געהאט די זכיה זיך משתתף צו זיין, נאכדעם וואס זיי האבן זיך אנגעשטרענגט און אריינגעברענגט פאר די הייליגע מוסדות שיינע סכומים פארגאנגענעם יאר ביים קאמפיין.

נאך עטליכע שעה פליען ווען עס איז געווארן ליכטיג האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית מיט מנין אויפ'ן פליגער און מאנטאג אינדערפרי ווען מען האט געלאנדעט אין ריישא האט מען גענומען א באס וואס האט געטראגן דעם עולם גלייך צום שטאט ליזענסק, וואו עס איז חלקת מחוקק ספון פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע. אין ליזענסק איז מען תיכף געגאנגען אין מקוה, און דערנאך האט מען געגעסן א געשמאקן פרישטאג, וואס - איז אזוי ווי אלע אנדערע געברויכן פון די נסיעה - צוגעשטעלט געווארן בהרחבה דורכ'ן טראוועל מומחה ר' אלי קנאל הי"ו פון פלען איט רייט. דערנאך האט מען זיך אויסגעבעטן ביים ציון וואו מען האט געוויילט מער פון א האלבע שעה.

ביי אלע ציונים פון די הייליגע צדיקים האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט אין באס איידער מען איז אנגעקומען איבער די גרויסקייט פון די צדיקים און מאמרים און מעשיות וואס מען קען נעמען דערפון חיזוק און עצות אויף למעשה ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן. טייל פון די שמועסן זענען רעקארדירט געווארן, און מען וועט עס אי"ה קענען הערן אויף "קול ברסלב".

אויך איז געווען אויפ'ן באס אסאך שאלות ותשובות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ווען אנשי שלומינו האבן אפגעשריבן זייערע שאלות אויף פאפיר און עס ארויפגעשיקט צום ראש ישיבה שליט"א וואס האט געענטפערט אויפ'ן מייק, גאר אסאך שיינע זאכן זענען געווארן אזוי אויסגעשמועסט אויף די וועגן, און מען וועט עס אויך קענען הערן אויף "קול ברסלב" מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

דערנאך איז מען געפארן מתפלל זיין ביי די הייליגע קברי צדיקים אין שינאווע, לאנצוט, דינוב, רימינוב און צאנז. שפעט ביינאכט איז מען אנגעקומען קיין קראקא וואו עס איז געווען צוגעשטעלט א רייכע עלעגאנטע נאכטמאל מיט א געשמאקע פראגראם צוגעשטעלט דורך מו"ה ארי פיש הי"ו פונעם "אנשי חיל" קאמפיין. פון דארט איז מען צוגעפארן צום באקוועמען האטעל אינעם אידישן קווארטל אין קראקא וואו מען האט זיך געלייגט שלאפן פאר עטליכע שעה.

אינדערפרי האט מען געדאווענט שחרית אינעם רמ"א שול און דערנאך איז מען געגאנגען פוקד זיין די ציונים פון די הייליגע צדיקים אין קראקא ווי דער ב"ח, תוספות יום טוב, און נאך אסאך.

דערנאך האט מען גענומען א באס צום ציון פון הייליגן תפארת שלמה אין ראדאמסק וואו מען האט געהאט א מקוה און געדאווענט שחרית, פרישטאג און נאכדעם האט מען זיך אויסגעבעטן ביים הייליגן ציון אין ראדאמסק. פון דארט איז מען געפארן צום לופטפעלד אין ווארשא אנגעפילט מיט זעק און פעק פון ישועות.

א לענגערע באריכט פון די נסיעה קען מען ליינען אינעם צייטונג "קרית ברסלב בלעטל", ווי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן א לענגערע בריוו פון די נסיעה וואס געפונט זיך אין די וואכנדיגע קונטרס "עצתו אמונה".

**האטס גע'פועל'ט אלעס גוטס!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אלי' זעלקאוויטש** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יצחק אפעלבוים** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **ישראל שלום זעלקאוויטש** הי"ו

צו די אפשערן פון זיין זון מאיר יעקב נ"י למז"ט



## א פרישע זמן

א נייע זמן אין ישיבה, ווי אזוי האלט מען זיך פריש? ווי אזוי ווייס איך אויב איך גיי מצליח זיין אים דעם זמן?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 2, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**






הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י הבה"ח מנחם יהושע מארך הי"ו, להצלחה בכל הענינים